Heb. Ej 546

Bertšengo

# יפתח־ס טאכטער

## אִיהְר לֶעצְטֶער טָאג

אַיין טְרוֹיֶערְשְׁפִּיֶעל אִין אֵיין אַקְט מִיט מוּזִיק

פערפאסט פאן

מענדיל בערטשענקא.

אוים זשמערינקא.

אדעססא

בדפוס אבא דוכנא.

תרנ"ד

---

# ДОЧЬ ИФТОХА

сочиненіе

*М. БЕРЧЕНКО.*

ОДЕССА.

Типо-Литографія А. М. ДЫХНО, Почтовая ул. д. 32.

1894.

Дозволено цензурою. Одесса, 16-го Февраля 1894 года.

## *Посвящено.*

דָאס בְּרָאשִׁיוּרְקֶעלֶע דָאס קְלֵיינֶע
יָא, עֶס אִיז אַ חוֹב, עֶס גֶעהֶער צוּ דִיר
נָאר דַיינֶע גֶעפִיהְלֶע דִיא רֵיינֶע
הָאבֶּען דִיעֶזֶעם עֶרְוֶועקְט אִין מִיר...

## נָאמֶען פוּן דִיא פֶּערְזָאנֶען.

**יִפְתָּח:** אַ יוּדִישֶׁער שׁוֹפֵט מִילִיטֶערִישׁ גֶעקְלֵיידֶעט.

**יִפְתָּח'ס טָאכְטֶער:** אַ פְרַייֵלֶען פוּן 17 יָאהְר.

**אֲבִינָדָב:** אִיהְר חָתָן אוֹיךְ פוּן יוּדֶעשֶׁען מִילִיטֶער.

**הָאהְר:** מֵיידְלִיךְ וֶועלְכֶע בֶּעקְלָאגֶען זִיא.

עֶס קוּמְט פָאהְר אִין מִצְפָּה.

בַּיי נאַכט. עס שטעלט פֿאָהר יפתּח'ס שטיעב אויף אַ הויכען גרינעם בארג, אַרום און אַרום איז שיינער גרינער וואַלד, יפתּח'ס טאָכטער שטעהט אין מיטען איהר קליינעם צימער, בעטרויערט, פערוויינט און זינגט:

שוַויג שוין שטיל
מַיין פערביטערט האַרץ
דיין היים געפיהל
פערשאַפט מיר שמערץ
צו היים און האָך
איז דיין ליעד
איך האָב קיין כּח
איך בין שוין מיעד!...

חוואַליעס יאָגען
אויפען ים אָהן אַ עק
זיי שוויינקען שלאָגען
דעם זאַמדיגען ברעג...
זאָ קלאַפּט מיר מיין האַרץ
ווי די חוואַליעס נאָך מעהר
גרויס איז מיין שמערץ
ווער וועט מיר העלפען ווער?!...

מַיין האַרץ וויא האַמער
קלאַפּט מיר שווער
זיין ליעד מיט יאָמער
בעשטענדיג איך הער!...
עס רייסט זיך שרעקליך
פון מיין ברוסט אַרויס
עס איז צו קלאַפּט אויף ברעקליך
מיינע ליידען זענען גרויס!...

די האָפֿנונג שטעהט פערטראַכט
זי ענפערט מיר גאָר!...
די פינסטערע נאַכט
איז צו איהר אַ פּאָהר...
מַיין האַרץ ווערט פערגאַסען
מיט בלוטיגע טרערען
דאָס פייער ווערט ניט געלאָשען
עס וויל ניט אויף ערען!...

(זיא וויינט ביטער)

אָה! אומגליקליכע שעה, טרויערדיגער מאָמענט
שרעקליכע מינוט... דיא האָסט מיך פערברענט!...
אָה! עס האָט זיך אוים געגאָסען אויף מיר גאָטט'ס צאָרען
בעססער... בעססער... וואָלט איך אין דער מינוט געווען פערלאָרען...
בעססער וואָלט איך אויף דער שעה געוואָרען קראַנק
אײדער איך בין אַ געגען מיין פאָטער אַרויס געלאָפען מיט געזאַנג!... (פויזע)
און ווער וואָלט זיך אויף אַזאַ אומגליק געקענט רעכטען
אַז „איך" מיט מיינע אייגענע הענד זאָל מיר דעם טוידט פלעכטען?!..
אַ שטאַרקער גאָטט! ווי אַ געטרייעס קינד
וועלכע ליעבט איהר פאָטער מיט זעלע און געזינד.

הָאבּ אִיךְ אוּנְגֶעדוּלְד עֶרְוַוארְטֶעט דִיא שָׁעָה דִיא מִינוּט

װֶען מַיין פָאטֶער מִיט זַיין מִילִיטֶער זָאלֶען גִיבֶּען דֶעם עֶרְשְׁטֶען שְׁרִיט

אִין אוּנְזֶער מִצְפָּה צוּרִיק גֶעהֶענְדִיג פוּן שְׁלַאכְט

ווִי מַיין פָאטֶער דֶער הֶעלְד הָאט װֶעלְכֶע זִיגֶען גֶעמַאכְט

דַיינְקֶענְדִיג בִּין אִיךְ מִיט מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען צוּ אִיהְם גֶעפְלוֹיגֶען

דִי גאַנְצֶע מִלְחָמָה הָאט זִיךְ פָאר גֶעשְׁטֶעלְט פאַר מַיינֶע אוֹיגֶען . . .

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען ווִי מַיין פָאטֶער שְׁטֶעהְט אוֹיפֶען שְׁלַאכְט׳ס פֶעלְד

אוּנ קְלַאפְּט דֶעם שׂוֹנֵא מִיט זַיין שְׁוֶוערְד אַ שְׁוֶוערְד פוּן אַ הֶעלְד . . .

ווִיא דִי „עַמוּנִיֶער” צוּ לוֹיפֶען זִיךְ אִין אַלֶע זַייטֶען

אוּנ מַיין פָאטֶערְס מִילִיטֶער, פֶערְטְרַייבְּט זַייא פוּן וַוייטֶען . . .

ווִי דִי „עַמוּנִיֶער” זֶענֶען אָהְן כֹּחַ גֶעבְּלִיֶעבֶּען . . .

אוּנ וַוייט, וַוייט, הָאט זַיי מַיין פָאטֶער פֶערְטְרִיבֶּען . . .

ווִי מַיין פָאטֶער גֶעהְט צוּרִיק מִיט גְרוֹיס נִצָּחוֹן

דֶעם פַיינְד הָאט עֶר צוּ שְׁמֶעטֶערְט צוּ בְּרָאכְן . . .

דַיינְקֶענְדִיג אַזוֹי הָאט יֶעדֶער מאַמֶענְט גָאר

בַּייא מִיר אוֹיס גֶעזֶעהֶען ווִי אַ עֶווִיקְהַייט, פִיפְצִיג יָאהְר

מַיין הַארְץ הָאט גֶעקְלַאפְּט, עֶס הָאט זִיךְ גֶערִיסֶען אַרוֹיס

זֶעהֶען מַיין לִיֶעבֶּען פָאטֶער גִיךְ, אִיז מַיין ווִילֶען גֶעוֶוען גְרוֹיס! . . .

מִיט דֶעם עֶרְשְׁטֶען „זִיֶעג-קְרַאנְץ” אִיהְם אַלַיין בֶּעצִירֶען

מִיט מַיינֶע לִיֶעדֶער אוּנ פַּייקְלִיךְ אִיהְם אַהֵיים פִירֶען . .

אוּנ מִיט אַמָאהְל! . . . אָה! קְלָאגְט זְשֶׁע הִימְמֶעל . . .

עֶרד . . . שְׁטֶערֶען . . . מַאכְט אַייֶער גֶעטִימְמֶעל ?

מַיין הָאפְּנוּנְג אִיז גֶעוֶוען פוּן קוּרְצֶען דוֹיֶער

פוּן מַיין פְרֵייד אִיז גֶעוָוארֶען אַ יַם מִיט טְרוֹיֶער! . . .

וָוען פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען זִיךְ פְרֵיידֶענְס טְרֶערֶען גֶעגָאסֶען ווִיא קְוַואלֶען

וֶוען אִיךְ אִין דִי אָרֶעם פוּן מַיין פָאטֶער הָאבּ גֶעוָואלְט פַאלֶען :

הָאט עֶר פְּלִיצְלוּנְג צִירִיסֶען זַיינֶע אַלֶע קְלַיידֶער

אוּמְגְלִיקְלִיכֶע! . . . הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגֶען אִיךְ הָאבּ גֶעגִיבֶּען אַ נֶדֶר! . . .

אָה! גְרוֹיסֶער גָאטְט גִיבּ מִיר כֹּחַ דָאס אוֹיס צוּ הַאלְטֶען

אַז מַיין בְּרוּסְט זָאלְל מִיר נִיט וֶוערֶען צוּ שְׁפַּאלְטֶען! . . .

(מִיט פֶערְצְווייפְלוּנְג) אַ נֶדֶר הָאט עֶר גֶעגִיבֶּען פוּן אַ קָרְבָּן דֶער רֵיחַ! . . .

אוּנ אִיךְ בִּין דֶער „קָרְבָּן” אוֹיף מַיין פָאטֶערְס מִזְבֵּחַ! . . .

(שְׁטִילֶער) אַ וואָרְט הָאט עֶר גֶעגִיבֶּען, אַז אויב עֶר וֶועט אַיין נֶעמֶען דִיא מִלְחָמָה.
אַז גאָטְט וֶועט אִיהְם גִיעבֶּען דֶעם פַיינְד, פוּן אִיהְם נֶעמֶען נְקָמָה...
אִיז דֶער וואָס וֶועט אַרוּיס גֶעהֶען אִיהְם אַ־קֵייגֶען
פוּן זַיין שְׁטֶעט. פוּן זַיין גִיטְ'ס פוּן זַיין פֶערְמֵייגֶען
גִיט עֶר אָפּ פאַר אַ־קָרְבָּן!.. אָה גאָטְט גֶרֶעכְטֶער
אוּנ מִיט אַ מאָהְל בִּין אִיךְ זַיין אֵיינְצִיגֶע טאָכְטֶער
אִיהְם אַ־קֵייגֶען מִיט מַיינֶע לִיעדֶער גֶעלָאפֶען
אוּנ דאָס אוּמְגְלִיק הָאט מִיךְ דאָ גֶעטְרָאפֶען!.. (זִיא וַויינְט)
יאָה אַ נֵדֶר!.. אַ נֵדֶר מוּז מֶען הַאלְטֶען גֶעטְרַייא!..
אִיךְ בִּין שׁוין דֶער קָרְבָּן, אִיךְ בִּין שׁוין נִיט פְרַייא!... (פוֹיזֶע)
(זִיא חַאפְּט זִיךְ אוּיף) אוּנ מַיין חָתָן?!. אֲבִינָדָב?.. וואָס וֶועט מִיט אִים וֶוערֶען
וֶוען עֶר וֶועט מַיין פאָטֶערְס שְׁרֶעקְלִיכֶען נֵדֶר דֶער עֶרֶען...
אָה! „אָבִינָדָב" פאַר גֶעס! פאַר גֶעס שׁוין אִין מִיר
עֶס שְׁטֶעהְט אַ גְרֶענִיץ — אַ אַייזֶערְנֶע טִיר!...
אִיךְ טאָהְר שׁוין הֶענֶען דִיר אֲפִילוּ נִיט דֵענְקֶען
מַיין הַאַרְץ מוּז בְּלֵייבֶּען שְׁטִיל, אוּיף עֶרֶען צוּ בֵּיינֶקְען!...
מַיין הַאַרְץ וֶוערְט אוּיף עֶוִויג פֶערְשְׁלָאסֶען, פֶערְמַאכְט אוּיף בְּסֵדֶר
אִיךְ בִּין אַ קָרְבָּן!... אִיךְ הַאלְט מַיין פאָטֶערְס נֵדֶר!... (זִיא יָאמֶערְט)

**זיא געהט צום פענסטער אונ עפענט עס אויף דער הימעל ווערט פערוואלקענט.**

אַלְלֶעס אַרוּם מִיר אִיז לֶעהְדִיג אוּנ לֶעהְר...
קַיינֶע הָאפְנוּנְג זֶעה אִיךְ פאַר מִיר מֶעהְר...
אוּיף דִי נאַטוּר שְׁלָאפְט, וִוי אִין אַיין טִיעפֶען דְרִימְמֶעל
וִוי מַיין זֶעהְלֶע, אִיז פִינְסְטֶער דֶער הִימְמֶעל
טִיעף בֶּעהַאלְטֶען, הָאבֶּען זִיךְ דִיא שְׁטֶערֶען
וִוי גְלַייךְ מַיין אוּמְגְלִיק ווִילֶען זֵיי נִיט עֶרֶען...
דִי גאַנְצֶע נאַטוּר, אִיז וִויא גְלַייךְ אָפְּגֶעשְׁטָארְבֶּען
וִוי גְלַייךְ זִיא קְלָאגְט אוּיף מַיין גְרוֹיסֶען חֻרְבּוֹן!..
קְלָאגְט, קְלָאגְט מִיט מִיר הִימְמֶעל אוּנ עֶרְד
אוּיף אַזאַ אוּמְגְלִיק וואָס אִיר הָאט קַיין מאָהְל גֶעהֶרְט!...

**עס גיט א דינער — א דריוונע רייגען.**

אָה! דִיא הֶערְד קְרֶעכְצְט אוּיךְ?.. קְרֶעכְצְט אוּיף מַיין אוּמְגְלִיק מַיין צָארֶען?
אוּנ דִיא הִימְמֶעל בִּיסְט אוּיךְ פִיהְל מִיט טְרֶערֶען גֶעוואָרֶען?!..

אִיר וַויינְט ?!.. אִיר קְלָאגְט !.. אויף מִיר אַצִינְד
אִיר בֶּעוַויינְט אויךְ יִפְתָּחְ׳ס אֵיינְצִיג קִינְד ?!... (זִיא וַויינְט)

עס גיט א שווישטש דער ווינד זיא גיט זיך א חאפ צוריק.

אוּנ דִיא וִוינְטֶעלֶע שְׁוִוישְׁטְשֶׁעסט אוּנ פַּייפְּסְט מִיט כַּעַס
מַיין אוּמְגְלִיק הָאט דִיךְ אויךְ בֶּערִירְט ? צִיטֶערְסְט אַזְש ? —
אָה ! לָאזֶען זִיךְ דַיינֶע זִיפְצֶען אויף דֶער וֶועלְט צוּ וַוייֶען
אוּנ אויךְ פֶּערְנֶעמֶען, מַיינֶע זִיפְצֶען אוּנ גֶעשְׁרֵייעֶן
צוּ וֵוייֶע זִיךְ !... צוּ שְׁפְּרֵייט זִיךְ אויף דֶער וֶועלְט דִיא בְּרֵייטֶע
זָאג זֵייא אַז צוּ מַיין אוּנְגְלִיק אִיז נִישְׁטָא קֵיין צְוֵוייטֶע !..
זָאג מַיין אַבִינָדָבְ׳ן אַז אִיךְ בִּין פַאר אִיהְם שׁוין אָפְּגֶעשְׁטָארְבֶּען
אַז אִיךְ בִּין אַ אָרֶעמֶעס שֵׁייפֶּעלֶע — אַ נֵדֶר אַ קָרְבָּן !... (זִיא וַויינְט)
הַיינְט אִיז דֶער לֶעצְטֶער טָאג — דִי לֶעצְטֶע נַאכְט...
ווִי אִיךְ בִּין נָאךְ אִין דֶער שְׁטִיבּ ווִי הָאבּ מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען פֶערְבְּרַאכְט
מָארְגֶען דָאס שְׁטִיבֶּעלֶע ווִי אויס גֶעוואַקְסֶען בִּין אִיךְ דַארִינֶען
וֶועט שׁוין אֲפִילוּ מַיין שָׁטְן דָא נִיט מֶעהְר גֶעפִינֶען !
יֶעדֶעס וֶוענְטֶעלֶע יֶעדֶע שְׁטוּב, ווִי אִין דֶעם בִּין אִיךְ זָא גֶערֶען
וֶועט שׁוין מַיינֶע וָוארְטֶער דָא מַיין נִיט הֶערֶען
מָארְגֶען וֶוען דִי זִין וֶועט נָאר אויף גֶעהֶען
וֶועט מִיךְ דָאס שְׁטִיבֶּעלֶע שׁוין מֶעהְר נִיט זֶעהֶען !...
אִיךְ בִּין שׁוין דָא פְרֶעמְד !... עֶס אִיז שׁוין נִיט מַיין אָרְט
מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע זָאנֶען שְׁטְרַאהְלֶען גֶעה אִיךְ אַהִין וַוייט דָארְט !...

זיא פאלט אין קאנוואלסיאנער בעוועגונג אויף איהר געליגער —
זיא ליגט אזוי איניגע מינוט אונ גיט זיך אחאפ אויף געשווינד.
עס הויבט שוין אן צו טאגען.

הַא ! עֶס טָאגְט שׁוין !... עֶס ווַייזְט זִיךְ דֶער מָארְגֶען שְׁטֶערֶען ?!..
דָאס פֵייגֶעלֶע מִיט זַיין מֶעלָאדִיֶע לָאזְט זִיךְ הֶערֶען
עֶס זִינְגְט זִיךְ — ?! עֶס שְׁפִּיהְלְט ?.. עֶס אִיז פְרַייא ?!.. לוּיז ?!..
עֶס פִיהְלְט נִיט מַיין וֶועהְטִיג ?!. מַיין אוּמְגְלִיק ווִי עֶר אִיז גְרוֹיס ?!..
הָא ! שְׁפִּיעל שְׁפִּיעל פֵייגֶעלֶע נָאךְ דָאס אֵיינֶע מָאהְל...
דִי לֶעצְטֶע נַאכְט עֶר אִיךְ דַיין זִיעֶס קוֹל !...
נָאר אַבִּיסֶעל אוּמֶענְדִינֶער... נִיט רַעשִׁיג אוּנ פְרֶעהְלִיךְ...
וִויא מִיר אוֹיפֶען הַארְצֶען אִיז... טְרוֹיֶערְדִיג... גֶעשְׁטָארְבֶּען פַאמֵיילִיךְ...

וִוי מִיר אויפֶען הַארְצֶען — וִוי עֶס פְּרֶעסְט מִיךְ אַיינֶער
אָט אַזוי... אויף טְרוֹיעֶרְדִיגֶע, וַויינֶענְדִיגֶע, יָאָמֶערְלִיכֶע טֶענֶער...

זיא זינגט:

אָפּ גֶעשְׁטָארְבֶּען בִּין אַזוי פְּרִיה פַאר דֶער וֶועלְט
מַיין גְרִיבּ אִיז דָאס אַיינְזַאמֶע חֶדֶר!..
אַלְלֶעס אַרוּם מִיר מוּז זַיין פֶערְשְׁטֶעלְט
אִיךְ הַאלְט הֵיילִיג מַיין פָאטֶערְס נֶדֶר!...

דָאס רויש פוּן דֶער וֶועלְט, אִיהְר גְלַאנְץ אִיהְר פְּרַאכְט
וִויא גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּט זִיךְ זָא אַ יֶעדֶער
מוּז פַאר מִיר זַיין וִויא דִיא פִינְסְטֶערֶע נַאכְט
אִיךְ הַאלְט הֵיילִיג מַיין פָאטֶערְס נֶדֶר!...

פֶערְשְׁטִיקֶען מוּז אִיךְ מַיינֶע אַלְלֶע גֶעפִיהְלֶען
מַיין „אֲבִינָדָבְ׳ן" פַאר גֶעסֶען אויף כְּסֵדֶר
מַיין לִיעֶבֶּע צוּ אִיהְם פֶערְלֶעשֶׁען שְׁטִילֶען
אִיךְ הַאלְט הֵיילִיג מַיין פָאטֶערְס נֶדֶר!...

זיא וויינט יאמערליך, מיט אמאהל גיט זיא זיך אוועק אויף איהר געליגער און בלייבט אין קאנוואולסיאנער בעוועגונג—עס ווערט טאג... דיא זין הויבט זיך אן ארויס צו ריקען פון מזרח זייט, אונטער דיא קוליסען זינגט א חאהר פון מיידליך.

דִי זִין הָאט זִיךְ שׁוין אַרוֹיס גֶערִיקְט פוּן אִיהְר גֶעצֶעלְט
עֶס הָאט גֶעגִיבֶּען אַ קְלַאפּ דִי לֶעצְטֶע שָׁעָה!...
גֶעזֵיינֶען זִיךְ אָפּ מִיט דֶער רַאשִׁינֶער וֶועלְט
מִיר אַלְלֶע דַיינֶע פְרַיינְדֶען זֶענֶען שׁוין דָא!..
אִין דֶעם נָאהֶמֶען פוּן גָאטְט, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה
וָואס גֶעפִינְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אויף יֶעדֶען אָרְט
זֵיי נִיט פֶערְצָאגְט — וַוארְף אַרָאפּ דִי מָרָה שְׁחוֹרָה
אוּנ הַאלְטֶען הֵיילִיג דַיין פָאטֶערְס וָוארְט...
דִי בִּיסְט שׁוין נִיט פְרַייא
בְּלַייבּ דֶעם נֶדֶר גֶעטְרַייא
יִפְתָּחְ׳ס טָאכְטֶער אַיינְצִיג קִינְד!..
וַוארְף אַוֶועק דִיא וֶועלְט
זִי אִיז אִין רַאשׁ גֶעשְׁטֶעלְט
גֶעהֶען מִיזְט שׁוין גֶעשְׁווִינְד!... גֶעשְׁווִינְד!... גֶעשְׁווִינְד!..

(זיא חאפט זיך אויף וויא פון א טיעפען שלאף זיא הויבט זיך אויף לאנגזאם)

הָאָ! וָואס עֶר אִיךְ?!... יִפְתָּחְ'ס טָאכְטֶער?!... אַנְדֶר? אַ קִינְד?!...
דִי וֶועלְט?!... דָאס רוּיש?!... גֶעהֶען גֶעשְׁווִינְד?!...
אִיךְ גֶעה!... אִיךְ גֶעה!... אִיךְ בְּלַייבּ דֶעם נֶדֶר גֶעטְרַייא!...
אַ-בִ-י-נָ-דָ-ב!!... אָה בִּיסְט שׁוֹין פְרַייא!...

זיא לאזט זיך געהן אין דעם קוממען ארײַן דאס חאהר מיידליך איהרע פריינדען אונ זינגען זיא שטעהט פערוווירט אונ הערט זיך צו:

דִי בִּיסְט שׁוֹין נִיט פְרַייא
בְּלַייבּ דֶעם נֶדֶר גֶעטְרַייא
יִפְתָּחְ'ס טָאכְטֶער, אַיינְצִיג קִינְד
וואַרְף אַוֶועק דִי וֶועלְט
זִיא אִיז אִין רַאש גֶעשְׁטֶעלְט
גֶעהֶען מִיזְטוּ שׁוֹין גֶעשְׁווִינְד!... גֶעשְׁווִינְד!... גֶעשְׁווִינְד!...

יפתח-ס טאכטער ווידערהאלט דיא לעצטע ווארטע „געשווינד" „געשווינד" זיא וויינט ביטערליך.

# דְרִיטֶע סְצִיֶענֶע.

לינקס פון דער טיר ווייזט זיך ארײַן „יפתח" מיליטעריש געקליידעט ער דער זעהט זיין טאכטער אונ דיא מיידלעך אונ בלייבט וויא פערשטיינערט שטעהען בייא דער טיר.

יִפְתָּח: דִינֶער!.. בְּלִיץ!.. שְׁטוּרֶעם!.. ווִינְד!...
נֶעהְמְט זִיךְ אַרוּם מִיר אַלֶע אַצִינְד!...
עֶפֶען זִיךְ עֶרְד!... עֶפֶען דַיין מוֹיל!...
דִינֶער!.. בְּלִיץ!... ווִי אִיז דַיין קוֹל?!...
וֶועלְט, גֶעה אוּנְטֶער!.. וֶוער פִינְסְטֶער זִין!.. חְמַארֶעס וֶוערְט גְרוֹיס!...
הִימְמְלֶען וֶוערְט הַייזֶען!... יַם!.. גִיס זִיךְ אוֹיס!...
צוּ גִיסְט זִיךְ וואַסְסֶערֶען!... חְוואַלְיֶעס אִיר בְּרִילְט!...
מַיין אַיינְצִיגֶע טָאכְטֶער הָאבּ אִיךְ פֶערְשְׁפִּיעלְט!...

ער געהט צי צו זיין טאכטער נהענטער זיא וויינט יאמערליך.

עֶר אוֹיף צוּ ווַיינֶען טָאכְטֶער מַיינֶע
אִיךְ פִיהְל אַז אָן אַ שִׁיעֶר זֶענֶען דִי צָרוֹת דַיינֶע!...

נָאר וֶוער אִיז דֶען אִין דֶעם שׁוּלְדִיג ? – עֶס אִיז גָאטְטֶעס וואָרְט
אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען ווַייט ווַייט דאָרְט !...
מִיר טאָרֶען נאָךְ דֶעם נִיט נאָךְ קְלֶערֶען , ווֵיינֶען אוּנ קְלָאגֶען
„דִי גאָטְט בִּיסְט גְרֶעכְט" אַזוֹי דאַרְפֶען מִיר זאָגֶען ... (פּויזֶע)
אוּנ וואָלְט דִיר דֶען טָאכְטֶער בֶּעסְסֶער גֶעוֶוען
אַז זָאלְסְט צוּרִיק דַיין פָּאטֶער פוּן דֶער מִלְחָמָה נִיט גֶעווָען זֶעהְן ?!...

זיא הויבט אויף איהר קאפף אונ גיט א קיק מיט ליבענדע אויגען אויף איהר פאטער.

דַיינְקֶען זַיין לֵיעבֶּען נאָמֶען מִיר הָאבֶּען דֶעם שׂוֹנֵא פֶּערְטְרִיבֶּען
נאָר דאָס אִיז דֶער אוּמְגְלִיק , וואָס דִי מַיין טאָכְטֶער בִּיסְט דֶער קָרְבָּן גֶעבְּלִיבֶּען
בֶּערוּהִג דִיךְ טאָכְטֶער !.. דֶעם טְרוֹיֶער וואַרְף אַרוֹיס
דֶער מָאהְן זִיךְ אַז דַיין נאָהְמֶען בְּלַייבְּט עֶווִיג גְרוֹיס !..
דֶער מאָנֶען וֶועט דִיךְ דִי וֶועלְט כְּסֵדֶר
ווִי טְרַייא דִי הָאסְט גֶעהַאלְטֶען דַיין פָּאטֶערְס נֵדֶר !..
דִי ווֵיינְסְט ? אָה ! טאָכְטֶער , פאַר גִיסְט טְרֶערֶען ?!..
דַיין האַרְץ פוּן צוּ קְלָאגֶען ווִיל נִיט אויף עֶרֶען ?...

ער בלייבט שטעהען וויא פערטימעלט אונ קיקט איהר אין דיא אויגען — חאהר מיידליך :

דִי בִּיסְט שׁוֹין נִיט פְרַייא
בְּלַייבּ דֶעם נֵדֶר גֶעטְרַייא
יִפְתָּח'ס טאָכְטֶער , אֵיינְצִיג קִינְד !...
וואַרְף אַוֶועק דִי וֶועלְט
זִי אִיז אִין רַאשׁ גֶעשְׁטֶעלְט
גֶעהֶען מוּזְטוּ שׁוֹין גֶעשְׁווִינְד !... גֶעשְׁווִינְד !.. גֶעשְׁווִינְד !...

יפתח'ס טאכטער ערוואכט זיך וויא פון א שלאף

יִפְתָּח'ס טָאכְטֶער : גֶעשְׁווִינְד !.. גֶעשְׁווִינְד !.. אִיךְ גֶעה !...

זיא לאזט זיך נעהען אונ הייבט אן צו זינגען :

אַדְיֶע מַיינֶע יוּנְגֶע פְרִיהְלִינְגְס יאָהְרֶען
אִיךְ זֶעגֶען זִיךְ אָפּ פוּן אַייךְ אַצִינְד
ווִי זֶענְט אִיר אַזוֹי גִיךְ אָפּ גֶעפָאהְרֶען
פוּן מִיר יִפְתָּח'ס אֵיינְצִיגֶע קִינְד !..
פִינְסְטֶערֶע הִימְלֶען זֵעה אִיךְ פאַר מִיר
טְרוֹיעֶרְדִיגֶע טֶעג הוֹיבֶּען זִיךְ אָן צוּ

בּאַלְד װָעט פאַר מִיר זַיין אַ אַײזֶערְנֶע טִיר
יוּנְגֶע מַיינֶע יָאהְרֶען אַדִיֶע! אַדִיֶע!...

חאהר מיידליך:

הֵיילִיג אִיז דֶער טְרִיט, הֵיילִיג דֶער שְׁפּאַן
זִיךְ צוּ פְּפֶערֶען אוֹיפֶען מִזְבֵּחַ פוּן אוּנְזֶער נאַצְיָאן!...
נָעהְם צוּ דִי בְּרָכָה פוּן גאָטְט אַצִינְד
יִפְתָּחְ׳ס טאָכְטֶער אֵיינְצִיגֶע קִינְד!...

יִפְתָּחְ׳ס טאָכְטֶער: אַדְיֶע מַיין גֶעצֶעלְט מַיין שֵׁיינֶע קְלֵיינֶע
גֶעצִירְט האָב אִיךְ דִיךְ יֶעדֶער מִינוּט
פוּן שְׁטוּיבּ אוֹיף דִיר פאַלֶען, האָב אִיךְ נאָר אֵיינֶע
דַיינֶע װָענְטֶעלִיךְ כְּסֵדֶר אָפּ גֶעהִיט!..
זַיי זְשֶׁע מִיר גְזִינְד, מַיין קְלֵיינֶעס חֶדֶר
מֶעהְר זֶעהֶען װֶעסְט מִיךְ נִיט דאָ, אִיךְ גֶעה!..
האַלְטֶען מוּז אִיךְ מַיין פּאַטֶערְס נֶדֶר
קְלֵיינֶעס שְׁטִיבֶּעלֶע אַדִיֶע! אַדִיֶע!...

חאהר מיידליך:

הֵיילִיג אִיז דֶער טְרִיט, הֵיילִיג אִיז דֶער שְׁפּאַן
זִיךְ צוּ אַפְּפֶּערֶען אוֹיפֶען מִזְבֵּחַ פוּן אוּנְזֶער נאַצִיאָן
נֶעהְם צוּ דִי בְּרָכָה פוּן גאָטְט אַצִינְד
יִפְתָּחְ׳ס טאָכְטֶער אֵיינְצִיגֶע קִינְד!...

יפתח׳ס טאכטער:

אַדִיֶע גְרִינֶע װָאלְדֶער פֶּעלְדֶער אוּנ קָארֶען
גֶעזוּכְט הָאבּ אִיךְ אִין אַייךְ מַיין פֶּערְגֶענִיגֶען
אִיר הָאט מִיךְ שׁוֹין הַיינְט אָן גֶעװָארֶען
מֶעהְר װֶעט אִיר מִיךְ דָא נִיט קְרִיגֶען
מֶעהְר װֶעט אִיר מִיךְ דָא נִיט זֶעהֶען
בְּלִיוּמֶען אוּנ קְוֵויטֶען אִיךְ גֶעה, אִיךְ גֶעה..
מַיינֶע לִיֶעדֶער װֶעט אַייךְ שׁוֹין נִיט עֶרְפְרַייֶען
פֶּעלְדֶער אוּנ װָאלְדֶער, אַדִיֶע! אַדִיֶע!...

חאהר מיידליך:

הֵיילִיג אִיז דֶער טְרִיט, הֵיילִיג אִיז דֶער שְׁפָּאן
זִיךְ צוּ פפֶּערֶען אוֹיפֶען מִזְבֵּחַ פוּן אוּנְזֶער נאַצְיָאן

גֶעהְם צוּ דִי בְּרָכָה פוּן גָאטְט אַצִינְד
יִפְתָּח׳ס טָאכְטֶער, אֵיינְצִיגֶע קִינְד!...

יפתח׳ס טאכטער:

אַדְיֶע מַיין פָאטֶער גְרוֹיסֶער הֶעלְד
אִיךְ בִּין דַיין טָאכְטֶער דַיין אֵיינְצִיג קִינְד!
שְׁלָאגֶען זָאלְסְטוּ דֶעם שׂוֹנֵא אוֹיפֶען קְרִיֶעגְס פֶעלְד
קַיין חַרָטָה הָאבֶען אוֹיפֶען נֵדֶר אַצִינְד
פוּן גָאטְטְ׳ס מוֹיל גֶעהְט אַלְלֶעס אַרוֹיס
בֶּעשְׁטִימְט אִיז דָארְט אַזוֹי אִיךְ גֶעה, אִיךְ גֶעה!...
גָאטְטְ׳ס פִינְגֶער שְׁרַייבְּט דָאס אַלְלֶעס אוֹיס
מַיין לִיֶעבֶּער פָאטֶער אַדְיֶע! אַדִיֶע!...

זיא פאלט אויפען האלז איהר פאטער און וויינט ביטערליך דאס חאהר מיידליך זינגט:

הֵיילִיג אִיז דֶער טְרִיט, הֵיילִיג אִיז דֶער שְׁפָּאן
זִיךְ צוּ אַפְּפֶערֶען אוֹיפֶען מִזְבֵּחַ פוּן אוּנְזֶער נאַצְיָאן
גֶעהְם צוּ דִי בְּרָכָה פוּן גָאטְט אַצִינְד
יִפְתָּח׳ס טָאכְטֶער אֵיינְצִיגֶע קִינְד!...

# פִיֶערְטֶע סְצִיֶענֶע.

אבינדב קומט אן ער שטעלט זיך אונטער דער טיר און קיקט אויף דער ביטערער סציענע:

אַבִינָדָב: אָה! צוּם גֶעזֵיינֶעגֶען הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אַרוּם גֶענֶעמֶען
צוּ שְׁפֵּעט! צוּ שְׁפֵּעט בִּין אִיךְ אַהֶער גֶעקוּמְמֶען!...
אַ אוּמְגְלִיקְלִיכֶע שָׁעָה – גְרוֹיסֶער מַיינֶער חֻרְבּוֹן
דֶער פָאטֶער הָאט אַרוּם גֶענֶעמֶען זַיין קִינְד זַיין קָרְבָּן
זֵיי גֶעזֵיינֶעגֶען זִיךְ – אִיךְ הָאבּ עֶס דֶער קֶענְט
גֶעקוּמְמֶען אִיז דִי שָׁעָה דֶער לֶעצְטֶער מָאמֶענְט!...

ער בלייבט שטיל — און טרייט ניט אפ פון זיין ארט אין דעם רייסט זיך יפתח׳ס טאכטער אויכ פון איהר פאטערס ארעם בלייבט שטעהען אין מיטען און זונגט:

אַדִיֶע מַיינֶע אַלְלֶע הֵייסֶע גֶעפִיהְלֶען
קָאלְט מוּזְטוּ אוֹיךְ וֶוערֶען בַּאלְד מַיין הַארְץ

אַף שְׁטאַרְבֶּען מוּזְט פאַמִילְיָע אִין שְׁטִילֶען
צוּ וִויסֶען טְרוֹיֶער לֵייְדֶען אוּנ שְׁמֶערְץ!...
מַיין גֶעטְרַייֶען חָתָן פֶערְגֶעסֶען אַצִּינְד
אִיךְ בִּין שׁוֹין גְרֵייט, אִיךְ גֶעה! אִיךְ גֶעה!...
אִיךְ האַלְט דֶעם נֶדֶר אִיךְ לוֹיף גֶעשְׁווִינְד
אַבִינָדָב אָה! אַדְיֶע! אַדְיֶע!...

זיא פאלט איבערמאלס דעם פאטער אויפען האלז אונ וויינט יאמערליך, אין דעם קומט אריין אבינדב:

דִי לֶעצְטֶע שַׁיין!... עֶס וֶוערְט פִינְסְטֶער!...

ער פאלט, יפתח'ס טאכטער קוקט זיך אום, אין האפט זיך אויף אונ גיט א געשרייא: א ב י נ ד ב!... אונ פאלט. האר מיידליך—פייערווירק

הֵייליג אִיז דֶער טְרִיט, הֵייליג אִיז דֶער שְׁפָּאן
זִיךְ צוּ אָפְּפֶערֶען אוֹיפֶען מִזְבֵּחַ פוּן אוּנְזֶער נאַצְיָאן
נֶעהְם צוּ דִי בְּרָכָה פוּן גָאטְט אַצִּינְד
יִפְתָּח'ס טאָכְטֶער, אֵיינְצִיגֶע קִינְד!...

פ א ר א נ ג פ א ל ט.

## „וָואס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוּמְט הַיינְטִיגֶע וָואךְ"

1.

אַךְ אִיז הַיינְט אַ וֶועלְט
אַלְלֶעס אִיז פֶערְשְׁטֶעלְט
מִינאַרְט זִיךְ אִין אַיֶעדֶען
מִיטְ'ן גאַנְג, מִיטְ'ן רֶעדֶען
מֶע מֵיינְט, אוּנ עֶס דאַכְט
אַז עֶס שְׁפִּיגֶעלְט עֶס לַייכְט
מֶע אִיז פֶּעסְט אוּנ גאַנְץ
אַז דָאס אִיז דֶער גְלאַנְץ
הָאבֶּער אַז עֶס קוּמְט צוּם טָאךְ?!...
וָואס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוּמְט הַיינְטִיגֶע וָואךְ!..

2.

הָאט נאַט אַייךְ אַ פאַנֶע
זִי שְׁפִּיֶעלְט שוֹין פְּיאַנֶע
זִי לֵייזְט רָאמאַנֶען
מִיט פְּרַאנְצוֹיזְשִׁים טַעֲנְ'ן
אוֹיף קַאוואַלִירֶען אַ מֵבִין
אִיהְר הַאַרְץ אִיז שוֹין אוֹיף אַייוֹוין
מִיט אִיהְר גאַנְג, מִיט אִיהְר שְׁטֶעל
אַפָּאלְנֶע מאַמְזֶעל!...
אָבֶּער אַ בַּעלְהַבָּיתְטֶע זַיין? צוּם טָאךְ? –
וָואס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוּמְט הַיינְטִיגֶע וָואךְ!...

3.

הָאט נאַט אַייךְ אַ קַאוואַלִיֶער
אֲפִילוּ אַהִין אִין אַ הֶער!..
אִין וָואס אִיר וֶועט אִיהְם בֶּערִירֶען
מִיט אַייךְ וֶועט עֶר קָאנְקֶערִירֶען
מִיט אַ וָוארְטִיל אַ קָאמְפְּלִימֶענְט
מִיט אַ בּוּךְ אִין דִי הֶאנְד

מִיט הוֹיכֶע הָאר
וֶוענְסָעלִיךְ מִיט פִּיקְסְטוּר
פאַר דֶער וֶועלְט עֶרְשַׁיינְט
פאַר אַ פָּאלְנֶע פְרַאנְט!...
אָבֶער אִין קֶאפֶּל? צוּם טָאךְ?—
וָואס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹמְט הַיינְטִיגֶע וָואךְ!..

4.

דֶער סוֹחֵר עֶר לוֹיפְט
עֶר הַאנְדָעלְט אוּנ פֶערְקוֹיפְט
פֶערְנֶעמֶען זֶענֶען דִי הָאנְד
מִיט „בּוּךְ“ מִיט „קָאמִיטֶעגְט“
אַ גְמוּלַת חֶסֶד, אַ לַייא
אִיז בַּייא אִיהְם אַ שְׁפַּייא
בְּרִיעֶף צוּ קָאמִיטֶענְטֶען
עֶנְפֶער דִי אַגֶענְטֶען
אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט
אִיז צוּ שְׁפְּרֵייט זַיין גֶעלְד
אָבֶער אִין טַאשׁ? – צוּם טָאךְ?—
וואָס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹמְט הַיינְטִיגֶע וואָךְ!..

5.

דֶער רֶבִּי אִיז פֶערְפְרִימְט
עֶר הוֹיקֶעט, עֶר בְּרוּמְט
עֶר פֶערְטְרַאכְט זִיךְ אוֹיף אַ שָׁעָה
אוֹיף דֶעם עוֹלָם נִישְׁטָא!..
עֶר פוֹעֶלְט גֶעשְׁווִינְד
דֶער עֲקָרָה אַ קִינְד
דֶער קְרִימֶער וֶוערְט גְלַייךְ
דֶער אָרִימֶער – רַייךְ
עֶם דאַכְט זִיךְ אַקִירַאט
אַז עֶר הָאט אַ דֵעָה בַּיי גָאטְט
נָאר אָבֶער אִין אֱמֶת'ן? צוּם טָאךְ?..
וָואס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלוֹמְט הַיינְטִיגֶע וָואךְ .

Hebr. Ej < 5416
Bertšengo



## „יְסוֹדֵי הָאִשָּׁה".

איבערזעצט.

נַיין מָאס רֵייד - אֵיין מָאס פֶערְשְׁטַאנְד
פִּיר פוּד רְכִילוּת — אֶמֶת אֵיין גְרַאן
אֵיין לוֹיט יוֹשֶׁר, — צְוָעֹן בֶּערְקָאוִויץ שַׂאנְד
צְוֵויי וָוערְסְט שְׁלֶאנְג — גוּטְ'ם אַ שְׁפַּאן
דְרַייא פוּד מִיט אַ פִּינְט אָפֶּערֶע
מוֹלְד — וִויא אַ אוּנְץ עֶטְוָואס
אֵיין אַכְטֶעל פִּינְט הֶערֶע
לִיעֶבֶּע — וֵוינִיגֶער פוּן אַ הַאלְבֶּע גְלָאז
צְוָעֹן עֶמֶער דָארְשְׁט צוּ רַייכְקַהַייט
אֵיין זְשְׁמֶענִיֶע זַיין גֶעטְרַייא
אַ הַאלְבֶּען אַרְשִׁין גְלַייכְגִילְטִיקְהַייט
אוּנ קָאקֶעטֶטְסְטְוָוא - וָוערְסְט בַּייא דְרַייא!..
דַאנְקְבַּארְקְהַייט – אַ הַאלְבֶּען גְרַאן
„צְנוּעוּת" אַוֶוערְשְׁקֶע צוּ דֶער טַאפֶּען
פִּינֶעף הַיילֶען לוֹיטֶער אָבְמַאן
הֶערְצְלִיכְקְהַייט – אַ הַאלְבֶּען טְרָאפֶּען
צְוָעֹן קְלַאפְטֶער לַייכְטְזִינִיקְהַייט – אֵיין מֶעטֶער יִשּׁוּב הַדַעַת
פִּינְף פוּד קַאפְּרִיז -- זֶעלְבְּסְשְׁטֶענְדִיקְהַייט אַ קְוִוינְט
אֵיין בֶּערְקָאוִויץ סְפַּאזְמִים, דְרַייא וֶוערְסְט כַּעַס
אֵיין דְרַאכְמֶע הַאַרְץ – מֶערְדֶערַייא אַ גַאנְץ פִּינְט
וואַטֶען מִיט פוּדְרֶע אַרַיין ווַארְפֶּען צוּ ווִישֶׁען
אֵיין יָאהְר טוּאַלִיעֶט קְרֵיינְק אוֹיף ווִינְטֶער אוּנ זִימְמֶער
דִי אַלְלֶע מִינִים גוּט אִיבֶּער מִישֶׁען
וֶועט פוּן דֶעם וֶוערֶען אַ פְרוֹיֶענְצִימְמֶער!..